א ליכטיגן תמיד
אודיא
פנים מאירות
אנגעמען דאס לעבן - מיט א ראויגקייט
דורך אמונה שלום בטחון און שמחה

# אור הבוקר

טעימה קלה פון די 'לעכטיגע גוט מארגן – אשב"ש' שמועסן
כ תצא תשפ"ב

# ועתה אל תעצבו (בראשית מה ה)

הנה ידוע שאף על פי שצריך האדם להיות לו לב נשבר, אף על פי כן צריך להיות בשמחה, על דרך אמרם ז"ל (חובת הלבבות שער הפרישות פ"ד) הפרוש צהלתו בפניו ואבלו בלבו. וזהו פירש הפסוק (תהלים נא א) למנצח מזמור לדוד בבוא אליו נתן הנביא כאשר בא אל בת שבע פירוש דהנה ידוע שכל מקום שנאמר מזמור מורה על רוח הקודש ורוח הקודש באה מתוך שמחה, על דרך הכתוב (מלכים ב, ג טו) והיה כנגן המנגן ותהי עליו יד ה', והשמיענו הכתוב שבשעה שבא אליו נתן הנביא לעוררו לתשובה היה שרוי בשמחה כמו בשעת העבירה, כי אפילו בתשובה הצריכה להיות בלב נשבר, על כל פנים צריך להיות בשמחה, ועל ידי השמחה שורה עליו רוח הקודש, וזהו למנצח מזמור לדוד גו', פירש ששרה עליו רוח הקודש הבאה מתוך שמחה בשעה שבא אליו נתן הנביא לעוררו לתשובה, כי היה כל כך בשמחה, כמו בשעת העבירה, וזהו כאשר בא אל בת שבע. וזהו ועתה אל תעצבו, פירוש, אין 'ועתה' אלא תשובה (בראשית רבה כא ו), ופירוש אף שאתם עכשיו בגדר התשובה, אף על פי כן אל תעצבו, ואף שהתשובה צריכה להיות בלב נשבר, אף על פי כן, צריך להיות בשמחה, ולהיות השמחה שרוי בפניו כמו הפרוש הנזכר-לעיל, וזהו ואל יחר בעיניכם וד"ל.

(אהבת שלום פרשת ויגש)

## תשובה טון מתוך שמחה והרוחה

**תוכן המאמר: ועתה אל תעצבו;** לעשות תשובה עוד בימי חודש אלול / לעשות תשובה מתוך הרוחה/ לעשות תשובה מתוך שמחה / צדיקים התחלתן יסודים וסופן שלוה / הרשעים יש להם מהתחלה הנאה ולבסוף המה צועקים מתוך יסודים / אין אנו מתידאים מהקושיים / צריכין להטוך בחודש אלול.

### תשובה טון נאך אין חודש אלול

מען פארציילט אז דער הייליגער רבי ישכר דוב פון בעלז זצוק"ל האט איימאל געפרעגט, אין איינע פון די אלול טעג, איינער פון זיינע משמשים, ווען ער ווערט די מערסטע נתעורר לתשובה פון די הייליגע טעג? האט די גבאי אים געענטפערט: ווען מען האלט ביי 'מן המיצר' וואס מען זאגט פאר תקיעת שופר, דעמאלסט ווערט ער נתעורר לתשובה.

האט זיך אנגערופן דער הייליגער רבי ישכר דוב פון בעלז: אוי וויי! ביי 'מן המיצר' איז שוין צו שפעט!

האבן די חסידים מסביר געווען די כוונה פון דעם הייליגען צדיק, אז די פשט איז אזוי. ערשטנס, אז תשובה דארף מען

אנהײבן אין חודש אלול, און נישט װען מען האלט שױן בײ מן המיצר.

**תשובה טון מתוך הרוחה**

און נאך א טיפערע פשט: אז א מענטש זאל נישט תשובה טון בײ א מצב פון 'מן המיצר', װען עס איז ענג, און ער האט שױן אזױפיל יסורים און שװעריגקײטן ח"ו, נאר װען א מענטש האט הרוחה, װען עס גײט אים גוט, און דער הײליגער באשעפער שיקט השפעות טובות, דעמאלסט דארף א מענטש שױן זוכה זײן און עוסק זײן אין תשובה שלימה.

עס איז די טעג פון אלול, מיר טוען תשובה, און מיר זענען עוסק בתשובה און אין דביקות הבורא יתב"ש ויתעלה, אין הרוחה, נישט אין 'מן המיצר', דער הײליגער באשעפער זאל העלפן [וכן כתב בספה"ק זרע קודש סו"פ ראה וזל"ק: "ושבת עד ה' אלקיך - לא לעשות תשובה מתוך דוחק רק מתוך שמחה"].

**תשובה טון מתוך שמחה**

אזױװי מען זאגט נאך פונעם הײליגן רבי מאיר'ל פרעמישלאנער זצ"ל, אז מען זאגט יעדן טאג בײם דאװענען 'הללוהו בתף ומחול'. עס איז דא צװײ מאל פיר הונדערט און אכציג שעה פון חודש אלול ביז יום כיפור, װאס דאס איז: נײן הונדערט און זעכציג שעה, אזױװי צװײ מאל די װארט 'תף' ['תף' איז פיר הונדערט און אכציג]. האט ער געטײטשט: 'הללוהו' מען זאל דאנקן און לױבן דעם אײבערשטן 'ב'תף' צװײ מאל פיר הונדערט אכציג שעה, 'ומחול' װעט דער הײליגער באשעפער מוחל זײן אונזערע עװנות.

פארװאס שטײט עס מיט די לשון פון 'בתף'? װײל 'תף' איז א לשון פון שמחה, 'הללוהו בתף' אז מען װעט דאנקן און לױבן דעם אײבערשטן אין די נײן הונדערט און זעכציג שעה [צװײ מאל 'תף'] פון ראש חודש אלול ביז יום כיפור, מיט שבח והודאה פארן הײליגן באשעפער, 'ומחול' װעט דער הײליגער באשעפער מוחל זײן די עװנות פונעם כלל ישראל. נישט מתוך עצבות ומרה שחורה, נאר מתוך שמחה.

**צדיקים תחילתן יסורים וסופן שלוה**

עס שטײט אין ספר 'אמרי שפר': עס שטײט אין פסוק: 'ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד', בײ אידן גײט די טאג נאך די נאכט, עס הײבט זיך אן מיט א נאכט, און נאכדעם קומט די טאג. בײ די גוים הײבט זיך אלעס אן בײטאג, די נאכט איז שטענדיג די סוף פונעם טאג.

'נאכט' װײזט אױף פינסטערניש, אױף יסורים, אױף דינים. א איד, פון אנפאנג מוטשעט ער זיך טאקע, מען האט שװעריגקײטן, עס הײבט זיך אן מיט א נאכט 'ויהי ערב'. אבער צום סוף 'ויהי בוקר', עס װערט צופרי.

װען די צופרי איז - שטײט אין די ספרים הקדושים, אז בײ צדיקים איז די צופרי, נישט אױף די װעלט, נאר אױף יענע װעלט. פארװאס? װײל צדיקים לעבן נישט קײן מגושמ'דיגער לעבן, צדיקים דארפן נישט קײן עולם הזה, און ממילא 'סופן שלוה' גײט ארויף אױף יענע װעלט. אבער סתם מענטשן װאס זײ לעבן זיך אביסל מיט די עולם הזה, װילן זען זײער שלוה אױך אױף דער װעלט. אבער צדיקים, אױף די װעלט מוטשענען זײ זיך.

און דאס באװאיגט אונז, װען אונז הער מיר, אז עס איז דא אזױפיל יסורים בײ ערליכע אידן, בײ בית צדיקים. אבער צדיקים אלײן, זײ גלײבן באמונה פשוטה, אז זײער התקרבות להקב"ה, זײער נאנטקײט

צום אייבערשטן, זייער ליבשאפט צום הייליגן באשעפער, וואקסט דורך יסורים.

'תחילתן יסורים וסופן שלוה' מיינט: ווייל דורך די יסורים קומט מען צי צו א געוואלדיגע דביקות הבורא, צו געוואלדיגע מדריגות אין תורה עבודה ויראת שמים, אמונה און בטחון און שמחה, מען וואקסט און מען שטייגט מיט התקרבות להקב"ה, דאס איז עולם הבא אין די עולם הזה, דאס איז די אריכות ימים'דיגע עולם הבא וואס אונז האב מיר אויף די וועלט.

**די רשעים האבן פון אנפאנג הנאה און דערנאך שרייען זיי פאר יסורים**

מען פארציילט אויף הרה"ק רבי משה פון פשעווארסק זצוק"ל. אינמיטן די ווינטער איז ער זיך געגאנגן טובל'ן אין זייער א קאלטע מקוה, אינדרויסן איז געווען קאלט, און ער האט מיטגענומען איינע פון די קינדער. עס איז געווען א שרעקליכע קעלט. דער טאטע האט זיך גע'טובל'ט, און דערנאך האט דער קינד אנגעפאנגן אריינגיין אין די קאלטע מקוה, און ער האט געשריגן פאר קעלט, בשעת ער איז אריין אין די וואסער. אבער ער האט זיך גע'טובל'ט. ווען ער איז ארויסגעקומען, און ער האט זיך ארומגענומען מיט די האנטוך, און ער האט זיך אנגעווארעמט ביי די אויוון, האט ער געזאגט 'אה' פאר פארגעניגן.

האט אים דער טאטע געזאגט: דו זעסט מיין טייער קינד? וואס איז די חילוק צווישן א איד וואס ער דינט דעם אייבערשטן, און צווישן א איד וואס ער דינט ח"ו נישט דעם הייליגן באשעפער? א איד וואס ער דינט דעם אייבעשטער, ער הייבט אן און ער שרייט פאר יסורים, אבער צום סוף זאגט ער 'אה אה'. מה שאין כן ווען איינער איז נישט ערליך, די רשעים, זיי זאגן פון אנפאנג 'אה אה', אבער צום סוף שרייען זיי פאר יסורים.

> **"...דאס בארואיגט אונז, ווען אונז הער מיר, אז עס איז דא אזויפיל יסורים ביי ערליכע אידן, ביי בית צדיקים. אבער צדיקים גלייבן באמונה פשוטה, אז זייער התקרבות להקב"ה, וואקסט דורך יסורים..."**

**מיר שרעקן זיך נישט פאר שוועריגקייטן**

מיר דארפן וויסן: אז מיר שרייען שטענדיג פאר יסורים צום הייליגן באשעפער, אבער נאכן זיך מתבונן זיין, ווער עס געבט מיר די יסורים? בארואיגן מיר זיך, ווייל עס קומט פונעם הייליגן באשעפער. אונז שרעק מיר זיך נישט פון שוועריגקייטן, אונז שרעק מיר זיך נישט פון יסורים, פון קיין שום בהלות און פחדים, ווייל מיר לעבן מיטן אייבערשטען, מיר זענען באשאפן געווארן פאר רוחניות, פאר העכערס, צו זיין נאנט צום אייבערשטען, צו הארעווען צו האבן די קאפ אין פלאץ, ליב צו האבן דעם הייליגן באשעפער, ליב צו האבן די תורה, ליב צו האבן אידישע קינדער, שטענדיג זיין אויפגעלעבט.

**מען דארף ארייננכאפן אין חודש אלול**

פאר פינף און צוואנציג יאר צוריק האט פאסירט א מעשה ווי פאלגנד: איינער פון די ראשי ישיבות, וואס האט געהאלטן אינמיטן בויען א בנין, און ער איז געווארן שטעקן, ער האט געדארפט געלט, איז ער

געפארן אויף 'מעמפיס' [ א שטאט אין 'טענסי' - איינע פון די שטאטן אין דרום אמעריקא].

דארט האט געוואוינט א גרויסער גאון רבי אפרים גרינבלאט ז"ל [מתלמידיו המובהקים של הגאון רבי משה פיינשטיין ז"ל], א גרויסער פוסק, א מדפיס ספרים, אסאך תשובות האט ער געשריבן, זייער א אנגענומענער פוסק. רבי אפרים גרינבלאט טרעפט דעם ראש ישיבה דארט אויפן גאס, ער גייט צי צו אים: "שלום עליכם, וואס מאכט איר? וואס טוט איר דא?".

האט אים דער ראש ישיבה פארציילט, אז ער גייט נאך געלט, ער בויט א גרויסער בנין.

האט ער אים געפרעגט: "און וויפיל געלט האסטו שוין געמאכט?!".

האט ער אים געענטפערט: "איך האב נאך גארנישט געמאכט, אפילו וויפיל עס האט מיר געקאסט די פליגער צו פארן קיין מעמפיס-טענסי איז נישט אויסגעצאלט געווארן!".

האט זיך אנגערופן רבי אפרים גרינבלאט, אז דארט אין שטאט איז דא א איד, וואס ער האט באקומען א ברכה פון רבי אהרן בעלזער זצ"ל, ער האט אים צוגעזאגט, אז טאמער ער וועט זיין א שומר תורה ומצוות, וועט ער זיין א גרויסער עושר. ער איז געווארן א שומר תורה ומצוות, און ער איז געווארן ממש א מיליאנער.

האט אים געזאגט דער ראש ישיבה: "נו, אפשר קען איך אנקומען צו דעם עושר?!".

האט רבי אפרים אים געזאגט: דער עושר האט טאקע געטיילט אסאך געלט, אבער עס איז געגאנגן אן א מאס, מענטשן זענען געקומען פון די גאנצע וועלט, האט ער געמוזט אפשטעלן דאס טיילן אליינס די געלט, ער האט אויפגענומען א גבאי צדקה וואס טיילט זיין געלט, און עס איז זייער שווער אנציקומען צו דעם עושר אליינס. איך קען פראבירן צו רופן די גבאי צדקה, אפשר קען איך מאכן פאר דיר א ספעציעלע אויפנאמס, ביי דעם גרויסן עושר.

דער רבי אפרים האט אריינגעלייגט גרויסע כוחות מיט פראטעקציע, עס איז נישט געגאנגן, ער האט נישט געקענט בשום אופן אנקומען צו דעם עושר. אזויפיל האט ער גע'פועל'ט, אז מארגן ניינע צופרי, וועט זיך דער ראש ישיבה קענען טרעפן מיט זיין גבאי צדקה פערזענדליך, אזוי וועט דער גבאי צדקה, אנשטאט געבן די סכום וואס מען טיילט פאר יעדן איינעם אטאמאטיש, וועט ער אריינגיין צו זיין בעל הבית, ער וועט איבערגעבן פאר זיין בעל הבית דעם ראש ישיבה'ס בקשה, וועט ער זען צו דער בעל הבית וועט וועלן געבן מער געלט.

דער ראש ישיבה האט זיך זייער געפריידט.

דער ראש ישיבה האט געהאט א ברודער וואס האט געוואוינט אין מעמפיס-טענסי, ער האט אנגערופן זיין ברודער, און ער האט אפגעשמועסט, אז זיי דארפן דארטן זיין ניין אזייגער. זיבן דרייסיג פונקטליך גייען זיי ארויספארן, און דער הייליגער באשעפער וועט העלפן, מיט אמונה און בטחון צום אייבערשטן, מיט תפילה, אז מען וועט אנקומען, און דער הייליגער באשעפער זאל העלפן, דאס זאל זיין דער ריכטיגער שליח.

זיי זענען ארויסגעפארן, און דער הייליגער באשעפער האט געהאלפן, מיט אלע שוועריגקייטן און די טרעפיק אויפן

וועג, זענען זיי אנגעקומען ממש דריי מינוט צו ניין. דער ברודער זאגט אים: "דו גייסט ארויף אויפן צוויי און פערציגסטן שטאק, נעם די עלעוועיטער, איך קום דיר שוין אונטער!".

אונטער אים, איז אויך געווען א קאר. ווי נאר ער גייט ארויס פון קאר, איז אויך ארויסגעקומען איינער פון די אנדערע קאר. דער ברודער הייבט אים אן פייפן און ווינקן, ער כאפט נישט וואס דער ברודער ווינקט, ער כאפט נישט וואס דער ברודער ווייזט אים.

דער איד וואס איז ארויסגעקומען פונעם אנדערן קאר, גייט צו צו אים, און ער פרעגט אים, וואס ער זוכט. האט ער אים געזאגט, ער דארף ארויפגיין אויפן צוויי און פערציגסטן שטאק, ווייל ער האט זייער א וויכטיגן אפוינטמענט, זיך צו טרעפן מיט איינעם.

דער איד זאגט: "איך גיי אויך אויפן צוויי און פערציגסטן שטאק, קום, איך וועל דיר ווייזן וויאזוי מען גייט ארויף!". און אזוי פרעגט אים דער איד אויס צוביסלעך "פארוואס ביסטו דא? וואס טוסטו דא?". און ער פארציילט אים אזוי אין קורצע ווערטער, אזוי אומגעדולדיג. ווייל זיין גאנצע קאפ איז געווען פארנומען, אז ער זאל ח"ו נישט פארשפעטיגן די אפוינטמענט.

צי ארויפפארן מיט אן עלעוועיטער צוויי און פערציג שטאק נעמט אביסל צייט, און אויף די וועג ארויף מיטן עלעוועיטער, ווייל דער איד אויספרעגן דעם ראש ישיבה, פון וועלכע ישיבה מען רעדט, פארוואס ער גייט נאך געלט, און צו וועם ער קומט דא. אבער דער ראש ישיבה - ווי מען זאגט - איז נישט געווען אין די גיסטע זיך צו אויסגעבן פאר א איד אין די עלעוועיטער, אין די צייט וואס ער יאגט זיך און ער איז אנגעצויגן, ער איז קאנצענטרירט צו מאכן יעצט די געלט.

מען קומט אן אויבן אויפן צוויי און פערציגסטן שטאק. דער איד געזעגנט זיך צו אים, ער גייט זיך זיין וועג. און דער ראש ישיבה גייט גלייך צו די אפיס פון די גבאי צדקה. דער גבאי צדקה הערט אים אויס, און ער קומט צוריק מיט א טשעקל, נישט קיין גרויסער טשעקל.

דער ראש ישיבה איז ארויסגעקומען. דער ברודער האט אים אפגעווארט, און דער ברודער פרעגט אים: "דער וואס איז ארויפגעגאנגען מיט דיר צוזאמען אויפן עלעוועיטער, האסט געשמעוסט מיט אים?" זאגט ער "יא!".

"וואס האסטו גערעדט צו אים?".

זאגט ער: "איך האב נישט געהאט קיין געדולט, איך האב נישט געהאט קיין צייט, איך האב נישט געהאט קיין קאפ, צו רעדן צו אים. ער פרעגט מיך אויס... וואס א נפקא מינה פאר סתם א מענטש עס אויסצופרעגן?!".

פרעגט אים דער ברודער: "וויפיל האסטו באקומען פון די גבאי צדקה?!".

זאגט ער: "א קלייניגקייט, נישט קיין גרויסע געלטער!".

פרעגט אים דער ברודער: "דו ווייסט ווער עס איז געווען צוזאמען מיט דיר אינעם עלעוועיטער?!".

פרעגט ער: "ווער?!".

זאגט אים זיין ברודער: "דער גרויסער מיליאנער, צו וועם דו האסט געוואלט גיין, דאס איז געווען דער איד!! האסט געהאט

א ברירה זיך אויסצורעדן צו אים, זיך אויסציוויינען צו אים, צוצוקומען צו אים אויף אן אפוינטמענט אן זיין גבאי צדקה - האסט פארפאסט די געלעגנהייט!! דאס האב איך דיר געפיפן און געוויזן, האסט נישט געכאפט וואס איך ווייז דיר!!".

ווען דער ראש ישיבה איז צוריקגעקומען אין ישיבה, האט ער געזאגט: "בחורים טייערע! איך האב געטראפן דעם גרויסן עושר, איך בין געוועזן מיט אים צוזאמען, ער האט מיר געוואלט אויספרעגן, איך האב אים נישט געוואלט ענטפערן, איך האב פארפאסט די געלעגנהייט!" - האט ער געזאגט - "בחורים טייערע, א טשעק האב איך טאקע פארפאסט, אבער וואס איך האב זיך אויסגעלערנט דערפון איז: אז ווען עס איז באשערט האט מען געלט, און ווען עס איז נישט באשערט, קען מען זיך טרעפן מיט די גרעסטע מיליאנער, און נישט וויסן מיט וועם מען טרעפט זיך, און עס איז נישט דא די געלט!".

ער האט זיך אבער אויסגעלערנט נאך א זאך: מיר זענען יעצט אין חודש אלול. חודש אלול האבן מיר א ברירה, דער הייליגער באשעפער איז נאנט צו אונז, מען קען תשובה טון, מען קען זיך אויסבעטן, מיר ווילן זיך נישט טרעפן נאך די הייליגע טעג און תשרי, און זאגן: "מיר האבן געהאט פריוואטע אפוינטמענטס מיטן הייליגן באשעפער, מיר האבן דאס אלעס פארפאסט!". מיר ווילן דאס אריינכאפן! עס איז חודש אלול, לאמיר אריינכאפן.

אבער עס איז דא נאך א שטארקע מוסר השכל. מיר האבן מיטן הייליגן באשעפער דריי אפוינטמענטס יעדן איינציגן טאג, שחרית מנחה מעריב. און דער הייליגער באשעפער האט אונז אויך געגעבן א רעכט און א רשות צו בעטן פון אים פיר און צוואנציג שעה א טאג, זיבן טעג א וואך, מיר האבן א רעכט און א רשות צו בעטן און צו דאווענען און צו רעדן צום הייליגן באשעפער, מיר דארפן נישט קיין 'גבאי צדקה', מיר דארפן נישט קיין זמנים, די טיר ביים הייליגן באשעפער פאר זיינע אידישע קינדער איז אפן פיר און צוואנציג שעה א טאג, זיבן טעג א וואך, כי לא ידח ממני נידח.

לאמיר אויסניצן יעדע מינוט און רגע, רעדן צום אייבערשטן, דאווענען צום אייבערשטן, זיך אויסבעטן ביים הייליגען באשעפער. אל תבטחו בנדיבים, פארלאז זיך נישט אויף קיין שום בשר ודם, מיר דארפן גארנישט פון קיין בשר ודם, מיר דארפן נאר אונזער התקרבות להקב"ה, קרוב ה' לכל קוראיו לכל אשר יקראוהו באמת. א כתיבה וחתימה טובה, א גוט געבענטש יאר, פועל'ט אלעס גוטס, און בעט זיך אויס אלעס גוטס. און דער הייליגער באשעפער זאל העלפן, עס זאל זיין פאר אלע אידישע קינדער, א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

צו ערהאלטן דעם גליון אדער אנדערע גליונות פונעם מערכת שיקט צו:
gilyonospm@gmail.com

# מעשה בחסיד אחד

## "פלוצלונג האט ער באמערקט, אז עס קומען קארן מיט א געוואלדיגע שנעלקייט, האט ער אנגעפאנגן צוריקציען, אבער עס איז שוין געווען צו שפעט! א קאר איז ממש געשטאנען נעבן אים!"...

עס איז געווען א איד וואס ער האט געהאט א פעטער וואס איז אוועק פון די וועלט אן קיין קינדער ל"ע, ער האט מקבל געווען אויף זיך בלי נדר אז ער גייט דאווענען אין די טאג פון די יארצייט לעילוי נשמת דעם פעטער, ער האט דאך נעבעך נישט איבערגעלאזט קיין קינדער.

אין איינע פון די יארן, א טאג פארן יארצייט, איז ער צוגעגאנגען צום גבאי פון בית המדרש, און ער האט אים געזאגט: ער האט יארצייט פון א פעטער וואס האט נישט איבערגעלאזט קיין קינדער.

גוט - זאגט אים דער גבאי - וועסט דאווענען פארן עמוד.

ער איז אויפגעשטאנען צופרי, ער איז אנגעקומען אין בית מדרש, ער גרייט זיך צו, צוצוגיין צום עמוד. און אזויוי ער געבט א קוק ביים עמוד, זעט ער אז איינער שטייט שוין דארט. איז ער צוגעגאנגען צו דעם איד, און ער זאגט אים, אז ער האט שוין אפגעמאכט מיט די גבאי, אז היינט דאווענט ער פארן עמוד ביי די מנין.

דער איד האט זיך אפילו נישט וואוסנדיג געמאכט, ער האט ניטאמאל געענטפערט, ער שטייט ווייטער ביים עמוד.

דער איד בעט זיך ביי אים איין מאל, צוויי מאל, דריי מאל. אבער דער איד וואס שטייט דארט ביים עמוד מאכט זיך פשוט נישט וואוסנדיג.

האט דער איד וואס האט געוואלט דאווענען פאר זיין פעטער, פארשטאנען, אז דא קען ווערן א גרויסע מחלוקת, ער האט געזען אז דער איד ביים עמוד האט אפגעמאכט אז ער מאכט זיך נישט וואוסנדיג, איז ער אוועקגעגאנגען פון עמוד, ער האט זיך געשטעלט דאווענען געהעריג, אויף א טיש צווישן אלע מתפללים, ער דאווענט נישט פארן עמוד! אבער טיף אין הארצן האט ער געהאט א ווייטאג, א רוגזא, א כעס, אויף דער מענטש.

נאך א מינוט-צוויי האט ער מחליט געווען: ח"ו! מען טאר נישט האבן קיין קפידא און קיין שווער הארץ אויף אידן! זיי מלמד זכות, זיי מוחל מיט די גאנצע הארץ, נעם ארויס יעדע שנאה, יעדע טינא, יעדע קינאה פון דיין הארץ אויף דער איד, די יאר דאווענט ער נישט פארן עמוד לעילוי נשמת דעם פעטער!

אבער, ער האט געמאכט א גרויסער עילוי פאר זיין נשמה. ווייסט וואס? די עילוי פאר די נשמה איז געווען, אז ער האט מוותר געווען, ער האט מוחל געווען, ער האט נישט קיין שווער הארץ, ער איז בשמחה, ער איז מלמד זכות, ער קוקט ארויף אידישע קינדער, ער איז פריילך!

נאכן דאווענען איז ער אהיימגעגאנגען, ער האט געגעסן פרישטאג בשמחה רבה, ער האט דורכגעמאכט א גרויסער נסיון,

געדאנקט און געלויבט דעם הייליגען באשעפער.

נאך פרישטאג איז ער ארויסגעגאנגען פון שטוב צו גיין צו די ארבעט. ער גייט ארויס אויף די גאס, ער האט געדארפט אריבערגיין א הויפט גאס, וואו עס פארן אריבער קארן פון רעכטס און פון לינקס און פון אלע זייטן. ער האט נישט באמערקט אז קארן קומען צו גיין מיט א שנעלקייט פון אלע זייטן, ער האט אנגעפאנגן גיין אויף די גאס.

פלוצלונג האט ער באמערקט, אז עס קומען קארן מיט א געוואלדיגע שנעלקייט, האט ער אנגעפאנגן צוריקציען, אבער עס איז שוין געווען צו שפעט! א קאר איז ממש געשטאנען נעבן אים! די קאר האט זיך געדרייט, און געגעבן א גיי ארויף אויף די זייט, און ברוך השם, זיי זענעןביידע געראטעוועט געווארן!

די קאר געבט זיך א שטעל אפ. קומט ארויס די דרייווער פונעם קאר.

וועלכע צוויי מענטשן האבן זיך צוזאמגעטראפן?!

דער דרייווער פון די קאר, איז געווען דער וואס האט געדאווענט פארן עמוד, און דער איד וואס איז געראטעוועט געווארן אין די לעצטע רגע, איז געווען דער וואס האט מוותר געווען פארן עמוד!

אזויוי זיי שטייען איינער קעגן די אנדערע, רופט זיך אן דער דרייווער פון די קאר: איך בעט דיר איבער, איך האב מיך נישט אזוי וואוסנדיג געמאכט פון דיר, איך בין נישט געווען גערעכט. אבער קוק מיין טייערער ידיד! מיר זענען ביידע געראטעוועט געווארן היינט לכבוד דיר, ווייל דו האסט מוותר געווען, און לכבוד דעם וואס דו האסט מוחל געווען זענען מיר ביידע געראטעוועט געווארן! דער וואס האט מוותר געווען האט געראטעוועט זיין לעבן, און דער דרייווער פונעם קאר איז געראטעוועט געווארן פון שעדיגן א צווייטן מענטש, און ווער ווייסט וואס נאך וואלט געשען מיט אים, ווען ער ווערט אינגאנצן פארלוירן ח"ו. און דער איד זאגט אים: איך האב דיר תיכף מוחל געווען, און יעצט זאג איך דיר נאכאמאל ארויס מיטן מויל, איך בין דיר מוחל.

דא איז געווען א שאלה צו ער גייט זיין א שליח ציבור צי ח"ו א קרבן ציבור - ער האט זיך בוחר געווען, נישט צו זיין א שליח ציבור און נישט קיין קרבן ציבור, ער האט זיך בוחר געווען צו זיין א שליח פונעם באשעפער צו ראטעווען זיין לעבן, און נאך א איד'ס לעבן, אלעס דורך מוותר זיין, ער האט זוכה געווען מקדש צו זיין שם שמים, און מפרסם זיין שם שמים.

מוחל זיין, מוותר זיין, נישט האבן קיין קנאה שנאה טינא, קיין שום שווער הארץ אויף אידן, ברענגט ישועות פאר זיך, פאר די קינדער, און פאר גאנץ כלל ישראל! דאס איז די רצון הבורא ית"ש. און אז מען לעבט מיט אמונה בטחון און שמחה און שלום, העלפט דער הייליגער באשעפער, אז מען איז זוכה צו קענען מוחל זיין, און צו קענען לעבן מיטן אייבערשטער, און גלייבן אינעם באשעפער, און פארשטיין אז ליב האבן אידן, און מוחל זיין, דאס איז די גרעסטע זכות וואס מען קען טון פאר זיך און פאר די נשמות פון יענע וועלט, און פאר די נשמות אויף די וועלט.

# אור לנתיבתי

## עסן ביי שפעטע שמחות די צווייטע מאל נאכטמאל, איז דאס אכילה גסה?

**איינער האט אנגעפרעגט זייער אן אינטערעסאנטע שאלה, א זאך וואס איך האב נישט געטראכט דערפון בעפאר דעם: עס איז געווארן איינגעפירט אין די וועלט, אז מען מאכט שמחות שפעט אויף די נאכט, א בר מצוה, א שבע ברכות, די אלע שמחות וואס מען קען מאכן ביינאכט, מאכט מען עס שפעט אין די נאכט. ער פארציילט, ער איז געווען ביי א בר מצוה וואס מען האט זיך געוואשן נאך 10:00. די שאלה איז, וואס טוען די אידן, זיי עסן נאכטמאל און נאכדעם עסן זיי עקסטער ביי די בר מצוה, אדער זיי הונגערן ביז די בר מצוה? איך האב נישט געוואוסט די תשובה, האב איך מיר נאכגעפרעגט ביי מענטשן, און מענטשן האבן מיר געזאגט, אז מען עסט נאכטמאל, און דערנאך עסט מען ביי די שמחה א צווייטע מאל. איז דער איד'ס שאלה: איז דאס נישט אכילה גסה? אין גמרא שטייט, א מענטש דארף עסן נאר צוויי מאל, צוליב חולשת הדורות עסט מען דריי מאל, אבער פיר מאל עסן?! ווער דארף עסן נאך 10:00 בכלל, מענטשן שפענדן היינט גרויסע געלטער פאר שמחות, א שבע ברכות, א בר מצוה, און סיומים, איז דאס אכילה גסה?**

די תשובה אויף דעם איז: אז עס איז נישט קיין פשוט'ע שאלה, עס איז נישט אזוי פשוט צו ענטפערן אויף דעם א תשובה, אונז גייען נאך טון אסאך חקירות, און זיך נאכטראכטן וויאזוי דאס איז געשען, אבער דאס איז זיכער, אז א איד וואס האט געגעסן נאכטמאל און ער עסט נאכדעם א גאנצע סעודה 10:00 ביינאכט, איז דאס אוודאי אכילה גסה, און עס איז נישט געזונט, ברוחניות ובגשמיות.

עס ווערט אפילו געברענגט אין די ספרים, מען זאל עסן ווייניג ביי שלוש סעודות, אז עס זאל נישט זיין אכילה גסה ביי מלוה מלכה.

אז א מענטש קומט אריין און עסט נאר א כזית, איז נישט אזוי געפערליך. אבער עסן א גאנצע סעודה נאך 10:00 ביינאכט, און נאך זאגן אז עס איז נישט אכילה גסה - דארף מען האבן אסאך ברורים און קלארקייטן, אונז וועלן נאך בעזר ה' צוקומען צו דעם.

אבער פון די אנדערע זייט, פון וואו קומט דאס צו מאכן א סעודה צען אזייגער ביינאכט? אמאליגע צייט, נישט לאנג צוריק, א סעודת מצוה איז געווען א נאכטמאל. אנשטאט מען זאל עסן נאכטמאל אינדערהיים האט מען געגעסן די סעודה. שפעט ביינאכט דארף מען נישט עסן, א גרויסע סעודה די פערטע מאל אין טאג, איז נישט געזונט ברוחניות ובגשמיות. די דאקטוירים זאגן אז מען זאל נישט עסן פון פיר שעה פאר'ן זיך לייגן, און עסן אזא גרויסע סעודה אזוי נאנט צום שלאף, איז גורם, מען קען נישט אויפשטיין צופרי, מען וואקסט אין 'פונטן', די מאגן ווערט פארדארבן, עס איז שטארק נישט געזונט צו עסן פיר מאל א טאג, בפרט ווען מען עסט אכילה גסה ממש.

יא! יענער איד איז גוט מעורר, מען דארף צוריקברענגען די אלע סעודות מצוות אין די נארמאלע צייט ווען מענטשן עסן נאכטמאל. טאמער מענטשן יאגן זיך און קענען נישט אנקומען, מאכט מען א שנעלע סעודה. ווער זאגט אז מען דארף אזוי לאנג פארברענגען? אבער עסן אכילה גסה? דער איד איז מעורר א געוואלדיגע הארה. אונז קענען נאכנישט צוקומען צו א החלטה, מען דארף עס נאך אסאך דורכטון, און הערן וואס די ציבור זאגט אויף דעם, פאר מען שמועסט עס ברייט אויס, אבער עס איז זיכער, אז עס איז נישט געזונט ברוחניות ובגשמיות, עס איז בפשטות אכילה גסה, מענטשן לייגן אריין גרויסע געלטער אז מענטשן זאלן עסן ווען זיי דארפן נישט - אי"ה וועט מען צוריקקומען צו דעם.

**שאלות פון די וואך:** א בחור וואס איז געווארן 18 יאר, וואס זאל ער זיך פארנעמען? / מעג מען לערנען ווען די ווייב זינגט שירות ותשבחות? / ווען מען האט א בחור וואס האט געגליטשט רח"ל, און מען דארף טרעפן א שידוך זיינס גלייך, וויאזוי זוכט מען אזא שידוך?

**מען קען הערן די תשובות אויפן ליניע אויף קנעפל: 511.**



# פרקי חינוך

## שיעור ב׳ מיוחד למחנכים חלק א׳

*היינט וועלן מיר בשם ה׳ ארומרעדן א שיעור בענין חינוך וואס איז נוגע פאר מחנכים און מחנכות בעיקר.*
*מיר גייען זיך קאנצעטרירן אויף די לאו פון ׳לא תונו׳, צי מען מעג מצער זיין א קינד, און צי א קינד קען מוחל זיין, און וואס האט די ענין מיט חינוך.*

### ׳לא תונו׳ א לאו אויך פאר קטנים

דער ׳חינוך׳ ברענגט אין מצוה של״ח, אז מען טאר נישט טשעפענען א איד, ׳לא תונו׳ גייט אן אפילו ביי קטנים, און מען דארף זיין זייער געווארנט נישט ווי צו טון א קינד מיט ווערטער, מער ווי מען דארף, נאר וויפיל מען דארף צו זאגן מוסר, אפילו ביי די אייגענע קינדער און טעכטער. ווער עס איז געווארנט אין דעם איז זוכה צו חיים ברכה וכבוד, און ווער איז נישט געווארנט אין דעם איז עובר אויף די לאו פון ׳לא תונו׳.

### מחלוקת הפוסקים אויב א קינד קען מוחל זיין - גדולים האבן מחמיר געווען

בפשטות איז אנגענומען אין די פוסקים, אז א קינד קען נישט מוחל זיין. עס זענען דא פוסקים וואס האלטן אז א קינד קען נישט מוחל זיין די׳ני ממונות, אנדערע זאכן קען א קינד מוחל זיין, טאמער ער פארשטייט וואס עס מיינט מוחל זיין, און ער טוט עס נישט געצוואונגענערהייט.

עס איז באקאנט די מעשה פון דער סטייפלער ז״ל, ער איז אנגעקומען פלוצלונג צו א בר מצוה מיט א גרויסע מתנה פאר דעם בר מצוה בחור׳ל, די עולם האט זיך מורא׳דיג געוואונדערט, דער סטייפלער פלעגט עס נישט טון געווענליך. דער סטייפלער האט פארציילט, אז ער איז איינמאל אריינגעקומען אין בית המדרש, דאס קינד איז געזעסן מיט א גרויסע מחזור, עס האט אויסגעקוקט ווי א גמרא, און דער סטייפלער האט אים אנגעשריגן, פארוואס ער לערנט אינמיטן דאווענען... שפעטער איז נתברר געווארן די טעות, אבער דער סטייפלער האט געהאלטן אז קטנים קענען נישט מוחל זיין, האט ער זיך אפגעשריבן די טאג פון די בר מצווה פון דאס קינד, כדי ער זאל אים קענען איבערבעטן, ווי נאר ער ווערט א גדול.

ר׳ יחזקאל אבראמסקי ז״ל האט אויך איינמאל געגעבן א קניפ אין בעקל פאר א קינד מחמת ליבשאפט, ר׳ חיים בריסקער האט אים אנגעשריגן, אז פאר דאס

קינד טוט עס ווי, אפילו דו טוסט עס מחמת ליבשאפט, ביסטו עובר אויף לא תונו - עד היכן הדברים מגיעים!

ממילא, מען דארף פארשטיין. אז א קינד איז א בן מלך, ער איז א דיאמאנט פון כלל ישראל, ער איז מיט אלע מצוות התורה פון בין אדם לחבירו א חלק פון כלל ישראל, און מען דארף זיין אפגעהיטן.

כלפי מה דברים אמורים? מען זעט אמאל מחנכים אדער עלטערן, זענען מצער די קינדער על לא דבר, און זיי ווייסן נישט אז זיי זענען עובר אויף לא תונו, און לויט רוב פוסקים קען מען נישט איבערבעטן.

מענטשן זוכן היינט שלום, מען זוכט זיך צו דערמאנען ווער צו איבערבעטן, וואס עס פאלט זיי נישט איין איז, אז זיי דארפן איבערבעטן בר מצוה בחורים, ווערמען זיי האבן ווי געטון אלס קינד, און אפילו זיי האבן איבערגעבעטן די קינד, איז לויט די שיטות אז א קינד קען נישט מוחל זיין, דארפן זיי יעצט גיין נאכאמאל איבערבעטן.

א משל אין חינוך איז, אזיווי ר׳ יחזקאל אבראמסקי האט געגעבן א קניפ אין בעקל, מען זעט כסדר מחנכים דרייען די פאות פון קינדער, מען ציפט זיי די האנט, מען לאנט זיך אן אויף קינדער, און אפילו מען שטייט נעבן זיי - מען איז עובר אויף לא תונו! מען דארף זיך באנעמען צו קינדער אזיווי עלטערע, מיט די זעלבע חשיבות. מען זעט זייער אפט אז א קינד קומט מיט שיינע געקרייזלטע פאות, און דער מלמד דרייט עס, ער וויל נישט וויבאלד ער האט געארבעט שווער דערפאר, און ער וויל נישט וויבאלד עס מאכט אים נערוועז.

אויב איז עס פאר די דרך החינוך מעג מען, אבער טאמער איז עס נישט די דרך התורה אויף חינוך, טאר מען נישט. אז דו דארפסט אים גיבן אן עונש, שטיי נישט הינטער אים פאר א פאר מינוט, וויבאלד עס מאכט אים נערוועז, מיר גייען נישט אריין טאמער עס איז די ריכטיגע מהלך אין חינוך אזוי צו טון...

נאך א ווייטאגליכע משל איז: ווען א קינד קומט צי צו דער מחנך, און ער זאגט, אז א צווייטע קינד האט אים עפעס געטשעפעט, דער מלמד רופט דעם צווייטן קינד, ער איז אים מבזה, ער צעפראסקעט אים, דאס קינד פרובירט צו זאגן אז ער האט עס נישט געטון, און דער מלמד הערט אים נישט אויס - דאס איז נישט נאר ׳לא תונו׳, דאס איז אכזריות! דו דארפסט קודם מאכן בירורים, און זיכער מאכן אויף הונדערט פראצענט אז דאס קינד האט עס טאקע געטון, דארפסט מאכן בירורים אז דו ביסט נישט אין כעס, דו טוסט עס אים מחנך צו זיין, דו דארפסט מאכן בירורים אז דאס איז די ריכטיגע וועג צו אים באשטראפן.

**אינעם קומענדיגן גליון וועלן מיר בעזר ה׳ ממשיך זיין מיט דעם פרק – די שיעורי חינוך קען מען הערן אויפן ליניע אויף קנעפל: 25**

די אידישע מאור הפרשה והמועדים
פנים מאירות
דברי תורה על פרשיות השבוע מכ"ק אדמו"ר מפנים מאירות דסיקסא שליט"א

## לְכוּ וְנָשׁוּבָה אֶל ה': וויאזוי קען מען זוכה זיין צום מתנה פון 'תשובה מאהבה'? [חלק ג']

ער"ה אלול תשפ"ג בישיבת סאטמאר בקרית יטב לב

דער הייליגער רוזינער זי"ע האט געזאגט: עס שטייט אין פסוק 'ויאמר ה' סלחתי כדבריך', די ראשי תיבות איז דיווארט 'כוס', דאס קומט מרמז צו זיין, אז ווען אידן טרינקן לחיים צוזאמען, זאגט דער אייבערשטער: סלחתי כדבריך.

שטימט דאך אבער נישט? ווייל עס שטייט ויאמר ה' סלחתי כדבריך, וואס איז די תשובה אויף דעם? אויף דעם האט ער געענטפערט: אז ווען אידישע קינדער זיצן צוזאמען און טרינקן לחיים, אין די סידורים שטייט די שם מיט צוויי יו"דן, ווען אידישע קינדער זיצן צוזאמען באחדות - ויאמר סלחתי כדבריך, זאגט דער אייבערשטער סלחתי.

**אחדות מיינט מען לעבט נישט אין קנאה**

וואס הייסט מען זיצט באחדות? קענטס מסביר זיין וואס מיינט 'מען זיצט באחדות'? גרויסע בחורים שטויסן זיך נאך? עס איז גוט געווען אין חדר... וואס הייסט באחדות? יעדער איינער פארשטייט, אחדות מיינט מען שלאגט זיך נישט, מען טשעפעט נישט... איך וועל דיך זאגן א נייע פשט וואס האסט נישט געטראכט פארדעם, דאס מיינט, זאלסט נישט מקנא זיין, זאלסט נישט לעבן אין קנאה! ווייל אז מען לעבט אין קנאה, קען מען נישט ליב האבן א צווייטע איד, מען פארגינט אים נישט. דו ווייסט... ווען ער מאכט א טעות ביים דאווענען, ביסטו די ערשטער וואס איז אים מעורר...

רבי שלום שוואדראן זצ"ל האט אמאל פארציילט א גוטע מעשה. ער איז דאך געווען א כהן, שלום הכהן, ער איז געווען א בן אחר בן פונעם מהרש"ם, פארציילט ער: ער איז אמאל געקומען אין א בית מדרש, מען האט אים גערופן

דארט שבת געבן א דרשה [ביי די ליטווישע געבט מען א דרשה פארן ליינען], מען האט אים גערופן אין א בית מדרש געבן א שיעור פארן לייענען. שוין, ער האט געזאגט א שיינע דרשה, די עולם האט זיך באדאנקט מען האט הנאה געהאט, ער איז געווען א מגיד נפלא, איך געדענק אים נאך. ער האט פארשטאנען, וועלכע עליה גייט ער באקומען, מען האט אראפגעשלעפט א חשובע איד א בעל דרשן? - כהן. מען האט אים נישט געגעבן כהן. וואס איז געווען די נעקסטע שאנס? אחרון. מען האט אים נישט געגעבן אחרון אויך נישט. נאך איינס האט ער געהאט - מפטיר. מען האט אים אויך נישט אויסגערופן מפטיר. און פאר גוט יאר דער וואס האט עולה געווען מפטיר, האט אויך באקומען מוסף, מען האט אים ניטאמאל געגעבן מוסף פארן עמוד. ער האט שוין געפילט ווי די וועלט עקט זיך...

עס איז געווען שבת ראש חודש - זאגט ער - און דער בעל תפילה אנשטאט זאגן 'אתה יצרת', האט אנגעהויבן זאגן געהעריג די געוועינדליכע מוסף לשבת 'תכנת שבת'. ווער איז געווען דער ערשטער פון גאנצן בית מדרש וואס האט באמערקט אז דער בעל תפילה זאגט נישט אתה יצרת?! איך בין עס געווען!! איך בין געווען אזוי אויפגערעגט, און אזוי באליידיגט, און אזא קנאה, אז איך בין געווען דער ערשטער וואס האט עס באמערקט!... אזוי האט ער אמאל געזאגט אין א דרשה.

**אויסרייסן קנאה איז דורך שמחה**

אחדות מיינט: מען זאל נישט לעבן אין קנאה! וויאזוי איז מעגליך נישט צו לעבן אין קנאה? יענער איז דאך דער ראש המדברים? יענער איז אייביג דער בעסטער קענער?!... מען דארף לעבן מיט שמחה! א מענטש דארף אנערקענען מיין פלאץ. דאס איז אונזער נסיון, עס איז מסתמא פון די גרעסטע נסיונות אין די יונגערע יארן, אין די עלטערע יארן הייבט זיך עס אן מיט געלט און מיט כבוד, אבער דאס איז די נסיון. דאס איז די באדייט פון 'תשובה' אין אונזער דור.

**פון שמירת עינים שבדורינו האט דער רבוש"ע די זעלבע הנאה און עונג ווי די עבודה פון די פריערדיגע צדיקים!**

איך וויל דיר איבערזאגן א מורא'דיגע ווארט. מיין שוואגער [הרה"ח ר' שמואל אהרן חנני' טענענבוים שליט"א] האט געדרוקט א ספר 'ימי מלך' [3 בענדער]. ברענגט ער דארטן א הפלא'דיגע רעיון וואס דער רבי ז"ל [רביה"ק מסאטמאר זי"ע] האט געזאגט, איך האב עס יעצט די ערשטע מאל געזען, און עס איז א הפלא'דיגע זאך.

אונזער דור, יעדער איינער ווייסט אז מען מוטשעט זיך, וואס איז די גרעסטע נסיון אין אונזער דור? - שמירת עינים! דער רבי האט שוין גערעדט דערפון, איך ווייס וויפיל יאר צוריק... זעט אויס, ער האט געוואוסט וואס קומט. האט ער געפרעגט א שאלה: וואס עפעס, מושטעט זיך די דור מיט שמירת עינים, מער ווי אלע פריערדיגע דורות?

הער א תשובה, א הפלא'דיגע תשובה, א הימל'דיגע תשובה... ווייל א בשר ודם קען נישט ענטפערן אויף דעם א תשובה, מען דארף זיין א בעל מדריגה... האט ער געענטפערט: אמאליגע צייטן איז געווען צדיקים בעלי מדריגה, דער רבוש"ע האט געהאט א הנאה, א תענוג, אן עונג, פון די עבודת הקודש פון די פריערדיגע צדיקים. מיר לעבן היינט אין א דור, וואס עס איז נישט דא די צדיקים. וואס גייט געבן פארן רבוש"ע א נחת רוח, וואס זאל זיין גלייך אויף גלייך צו די עבודה פון די פריערדיגע צדיקים? וועגן דעם האט דער אייבערשטער אונז געגעבן די נסיון פון שמירת עינים, אז **ווען א איד שטארקט זיך, און ער היט זיך די אויגן, האט דער אייבערשטער א תענוג און א נחת רוח, אזויווי ער האט געהאט א תענוג און א נחת רוח פון די צדיקים אין די פריערדיגע דורות**, אזוי ברענגט ער, ער שרייבט דארט די נאמען ווער עס האט עס נאכגעזאגט.

דער רבוש"ע האט אונז געגעבן די נסיונות, נישט פאר דעם, ווייל מיר זענען א דור חלש.

איך האב זייער ליב, ווען מען זאגט אז עס איז א שוואכע דור. ווען איך גיי אריין צו א חתונה ביי די צווייטע טאנץ, איר האט אמאל געזען וויאזוי די בחורים טאנצן היינט א צווייטע טאנץ?!... זיי לאזן נישט אויסלעשן די מוזיק... די אלטע אידן ווילן שוין גיין צו מצוה טאנץ, אין די בחורים, זיי ווילן נאך און נאך... ווען איך בין געווען א בחור האט מען נישט געטאנצן נישט קיין פערטל דערפון, און דאס איז שוין די דור חלש! וויאזוי האט אויסגעקוקט די דור חזק?!... וואס עפעס שוואך? מיט וואס איז מען שוואך? זאג מיר פונקטליך... דער רבי זאגט, עס איז גארנישט קיין דור חלש, אז אונז וועלן זיך שטארקן אויף אונזערע נסיונות, האט דער רבוש"ע א תענוג און א נחת רוח דערפון.

#### נאכן התגברות ווערט מען באגלייט מיט א מלאך קדוש וואס העלפט אויף ווייטער

נאכמער לייגט ער צי. ווען א מענטש האלט זיך, און ער איז נישט עובר אויף 'לא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם', ווערט באשאפן דערפון א מלאך קדוש פון די מצוה, און דאס געבט אים כח ווייטער צו גיין, און זיך צו שטארקן. אזויווי אונז האבן פריער געזאגט אז נאכן זיך שטארקן אליינס באקומט מען מדריגות פאר א מתנה. די ערשטע מאל דארפסטו אליינס, אז עס איז דיר געגאנגען, האסט זיך מתגבר געווען, יעצט וועסטו האבן א מלאך וואס וועט דיך באגלייטן (יש לציין לזה דברי המהרש"א [חידושי אגדות מסכת מכות דף י עמוד ב] שרביה"ק זי"ע מביא דבריו יותר מעשר פעמים בספריו הק' כמקור ליסוד זה, וזל"ק: בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו כו'. עיין בזה במפרשים ואענה גם אני חלקי דלא קאמר שמוליך אותו הקדוש ברוך הוא אלא מוליכין אותו והוא ע"פ מה שכתבנו בכמה מקומות שכל מחשבה ודיבור ומעשה האדם הנה הוא בורא לו מלאך לפי ענינו

אם לטוב אם לרע וע"כ אמר בדרך שאדם רוצה לילך שהרשות בידי האדם ממנו ית' ב"ה שהכל בידי שמים חוץ מיראת שמים אבל כפי רצונו ודעתו של אדם מוליכין אותו אותן המלאכים הנבראים מאותו רצון ומחשבה אשר בו ומייתי ראיה מן התורה דכתיב לא תלך עמהם שא"ל הקדוש ברוך הוא כן וכתיב קום לך אתם וגו' שרצונו ודעתו הרעה לילך אתם הביא ששלח לו הקדוש ברוך הוא מלאך כרצונו ומחשבתו שא"ל קום לך אתם ואמר דכתיב אנכי ה' אלהיך מלמדך להועיל וגו' כי כל מצותיו ית' ב"ה אינו מלמדך רק להועיל ולטוב לך אבל מדריכך הוא מלאך שאתה מדריכו בדרך זו תלך כפי דעתך ורצונך ואמר דכתיב אם ללצים הוא יליץ וגו' ר"ל אם ללצים הוא מוסיף לו לץ דהיינו מלאך כפי ליצנותך ואם לענוים הוא יתן חן לעצמו מלאך של חן נגדו ית' ב"ה).

**בעקבתא דמשיחא וועט מען זיך דראפענען אויף גראדע וועגט פאר אביסעלע אמונה**

אבער ער ברענגט אויך אן אינטערעסאנטער מעשה. ר' אברהם יעקב טייטלבוים, האט איבערגעזאגט א ווארט פונעם הייליגן רוזינער, און דער רבי זי"ע שרייבט עס אין 'על הגאולה' (אות פו). נאכדעם וואס די 'על הגאולה' איז געדרוקט געווארן, איז ער געקומען צום רבי'ן, זאגט ער פארן רבי'ן: דער רבי שרייבט נאך א ווארט פון מיר אין 'על הגאולה', און דער רבי זאגט עס נישט איבער אין מיין נאמען? דער רבי שרייבט 'שמעתי מפי תלמיד חכם מפורסם ואיש מהימן', פארוואס האט דער רבי נישט געשריבן מיין נאמען?

האט דער רבי געזאגט: איך האב דיר נישט געוואלט מצער זיין, מענטשן וואלטן געזאגט, 'אה ביסט א סאטמארער'... מען וואלט דיך נאכגעלאפן, מען וואלט דיך גע'רודפ'ט, איך האב נישט געוואלט מען זאל דיר ווייטון... איר הערט וואס טוט זיך?! דער רבי האט אים אפגעהיטן! פאר אים איז געווען א זכיה אויב דער רבי שרייבט עס אין זיין נאמען, אבער דער רבי בענוותנותיה האט געהאלטן, אז עס וואלט אים געווען א צער.

וואס איז געווען די ווארט וואס דער רבי ברענגט? דאס איז א ווארט פונעם ריזונער זי"ע, אז פאר משיח וועט קומען וועט מען זיך דראפענען אויף גראדע וועגט צוצוקומען צו אביסעלע אמונה, [דער רבי שרייבט נישט די לשון 'דראפענען אויף גראדע וועגט' דער רבי שרייבט 'תדעו דכמו שירד האש מן השמים לאליהו בהר הכרמל ולא ירד לנביאי הבעל, בעיקבתא דמשיחא יהיה ההיפך שירד אש מן השמים לנביאי הבעל ויהיו הנסיונות גדולים ועצומים קשים ומרים' אבער די וועלט זאגט עס מיט דעם לשון (וכן כתב הרה"ק מתולדות אהרן זי"ע באגרות דברי אמונה עמ' קעח; ספר קול יעקב עמ' רעח בעדות איש מפי איש עד הרה"ק מרוזין זי"ע; שומר אמונים דף ע"ב)] אבער דער רבי האט צוגעלייגט די ווערטער 'איך זאג

עס ענק, אז מען זאל וויסן צו זיין געווארנט'.

יא! דאס איז אונזער נסיון.

איך וויל דיר דערציילן א מעשה, מען רעדט פון תשובה טון. דער בעל שם טוב הק' זי"ע איז אמאל אנגעקומען אין א שטאט, עס איז געווען א חתונה, און אויפן וועג צום חופה, צי ביי די חופה, ווען ער איז געווען אויפן גאס, האט דער בעל שם טוב הק' געזען א פערד און וואגן פון א פשוטן איד. דער בעל שם טוב הק' גיבט א שטעל אפ, און ער גייט צי צו דעם איד, און ער רעדט עפעס צו דעם איד, און ער קומט צוריק. איר ווייסט אז אונז זעמיר חסידישע אידן, ווען דער בעל שם טוב הק' שטעלט זיך אפ אינמיטן א חתונה רעדן צו א פשוטע איד, האבן מיר גלייך געזאגט, ווער איז יענער געווען? א ל"ו צדיק! אונז זעמיר גלייך דארט... אז דער בעש"ט הק' בייגט זיך אראפ צו א איד אויף א פערד און וואגן, איז ער א ל"ו צדיק!...

די עולם האט אים אנגעפאנגן געבן כבוד מלכים פאר דער איד, ער האט אבער נישט געוואוסט וואס מען וויל.

ביינאכט נאך די חתונה, צי נאך די סעודה, זענען זיי געגאנגן צו דעם איד און געפרעגט: ילמדינו רבינו, פארציילט אונז, ווער דו ביסט! ער האט געזען אז מען גייט אים שוין באלד געבן קוויטלעך, האט ער געזאגט: גוט, ער גייט פארציילן די מעשה.

האט ער פארציילט אזוי: ער וואוינט אין א דארף, און נעבן אים וואוינט א שכן, וואס דער שכן גייט ארום מאכן געשעפטן, און ווען ער גייט ארום מאכן געשעפטן - אזיווי היינט מען פארט אויף טשיינע - אויף א פאר וואכן, און ער קומט צוריק. יעדעס מאל וואס ער קומט צוריק, קומען די שכינים, מען מאכט א גרויסע ברוך הבא, מען נעמט אים אויף שיין, מען מאכט א לחיים, מען פריידט זיך ער איז צוריקגעקומען. אמאל איז נישט געווען קיין טעלעפאן, עס איז נישט געווען קיין שום קשר, ווען א מענטש איז אוועקגעגאנגן אויף א פאר וואכן, האט מען נישט געוואוסט וואס ווען וואו.

אמאל איז זיין שכן צוריקגעקומען נאך א פאר וואכן פון א לאנגע נסיעה, און ער איז אריין אין די הויז פון זיין שכן, באגריסן זיין חבר. ער איז אריין אין ספרים צימער פון זיין חבר, האט ער געזען, די פעקל געלט וואס זיין חבר האט מיטגעברענגט פון די לאנגע נסיעה, ליגט דארט אן קיין ספעציעלע שמירה. האט ער גענומען די געלט, ער האט עס אוועקגעטראגן צו זיך אהיים. ער האט נישט געוואלט גנב'ענען ח"ו, ער האט געוואלט מאכן א לימוד, לערנען פאר זיין חבר אז מען האלט נישט אזוי געלט, 'ער האט געוואלט מאכן א דזשאק' רוף מיר אונז עס...

ער האט געטראכט צו זיך: ווען זיין חבר וועט פרעגן וואו די געלט איז, וועט ער אים זאגן: הע, האסט עס

איבערגעלאזט אליין, וואס האסטו געמיינט?! און דערנאך וועט ער אים עס צוריקגעבן, און זאגן איך האב דיך נאר געוואלט מעורר זיין... למעשה, דער חבר איז אנגעקומען, און דער צייט וואס דער איד איז פונקט נישט דארט געשטאנען, ווען ער איז אנגעקומען, איז שוין געווען א בהלה, די קינדער, די ווייב, מען האט שוין חושד געווען, מען האט זיך שוין אנגעשריגן... האט ער געטראכט: יעצט, אינמיטן אזא בהלה, קומען ברענגען די געלט, וועט שוין נישט קלאפן. ער וועטווארטן אויף באלד, ווען אלעס וועט זיך בארואיגן.

אבער עס האט זיך גארנישט בארואיגט, עס איז געווארן ערגער און ערגער. און דער חבר איז שנעל געלאפן בארגן געלט... בקיצור, פאר א לאנגע צייט האט ער שוין די געלט, און ער האט זיך נישט געקענט ברעכן עס צוריקצוגעבן, אבער ער האט נאכנישט גענוצט די געלט, נאר ער האט זיך נישט געקענט ברעכן אימיטן די גאנצע בהלה, קומען פארציילן פאר זיין חבר אז ער האט די געלט.

פונקט היינט האט ער מחליט געווען: ווי לאנג גייט ער האלטן די געלט? ער גייט מאכן ביזנעס מיטן געלט, און ער וועט נאכדעם אפצאלן פאר זיין חבר די גאנצע געלט! דער יצר הרע האט שוין געפערטיגט זיין ארבעט.

היינט ער האט מחליט געווען, אז ער גייט קומען זיך דורשמועסן מיטן בעל שם טוב, צי ער האט געוואלט זען דעם בעל שום טוב, איך ווייס נישט פונקטליך. און דער בעל שם טוב האט אים געגעבן א שטעל אפ: זיי מוחל, געב צוריק די געלט, ניץ נישט די געלט! עד כאן המעשה. דאס איז געווען דער ל"ו צדיק...

וואס איך וויל ארויסברענגען מיט די מעשה - דאס הייסט דער אייבערשטער געבט א מתנה פאר דער מענטש! דער איד האט געוואלט גנב'ענען, דער באשעפער האט אים געשיקט א מתנה, דער בעל שם טוב הקדוש! וואס זיין זכות איז געווען? איך ווייס נישט! אבער דו זעסט פון די מעשה, אז פון הימל וויל מען העלפן א מענטש, אפהיטן א מענטש, ער זאל זוכה זיין לתשובה שלימה, ער זאל נישט גנב'ענען, ער זאל נישט א דורכפאלן, געבט מען אים מתנות. אונז דארף מיר נאר טון וואס עס איז ריכטיג, אונז דארף מיר לערנען מוסר, אונז דארף מיר לערנען חסידות, אונז דארף מיר לערנען תורה, אונז דארף מיר היטן זמנים, היטן די אויגן און מויל, אונז דארף מיר היטן די בין אדם לחבירו, אונז דארף מיר טון וואס מען דארף צו טון, אונז דארף מיר לעבן, מיט מער שמחה, מער הנאה האבן פון זיך אליין, פון די עבודת הקודש וואס א איד האט.

איך וויל מסיים זיין מיט נאך איין מעשה, איך האב נאכנישט דערציילט

גענוג מעשיות... די מעשה איז א מוסר השכל פון דער יצר הרע, בפרט בזמנינו. ווען איך רעד צו בחורים דערצייל איך די מעשה.

עס איז געווען אין די צייטן פון דעם הייליגן רוזינער זי"ע, איז געווען א איד, א דארפסמאן, אן ארימאן, ער האט נישט געהאט קיין געלט, ארים ווי די נאכט. איין טאג זענען אריינגעקומען צוויי גוים צו די בעל הבית'טע אין שטוב, דער מאן איז נישט געווען אינדערהיים, ער האט נעבעך פראבירט צו מאכן פרנסה, און זיי האבן איר געפרעגט, צו זי דארף א זאק פאטעטאס? אוודאי, אבער איך האב נישט קיין געלט צו באצאלן! ניין - זאגן די גוים - מיר האבן גענוג פאטעטאס, איבערן קאפ, נעם עס דיר געזונטערהייט!

א וואך שפעטער, האבן די גוים געברענגט צוויבל מיט טאמעטאס, זיי האבן אנגעפאנגן צו מאכן דארט א גרויסע הרחבה. די אידן האבן זיך געפריידט, אמאליגע תמימות'דיגע אידן, זיי האבן נישט געפרעגט 'וואס וואו ווען', זיי האבן גערעכט, אז דאס איז א מתנה פונעם אייבערשטן, זיי האבן אויך געגלייבט אין מתנות פונעם אייבערשטן... אבער פון די מעשה ווערסטו זען, אז דער יצר הרע טיילט אויך מתנות... עס איז נישט נאר דא מתנות פונעם אייבערשטן.

איין טאג קומען אריין די גוים, און זיי זאגן, אויב זיי ווילן האבן די אלע פירות מיט ירקות, שטעלן זיי איין תנאי, די צוועלף יעריגע אינגל, ווען ער ווערט בר מצוה, ווילן זיי אים אפקויפן פון איר!

זי האט זיי געזאגט: איר זענט אינגאנצן נאריש? צעדרייט? משוגע? איך געב ענק נישט קיין איין קינד! ניין! נישט דא וואס צו רעדן! און די גוים האבן אויפגעהערט צו ברענגען די אלע גוטע זאכן. אבער אזויווי א מענטש ווערט צוגעוואוינט צו דער יצר הרע, דאס איז די ערגסטע זאך. זי איז שוין געווען צוגעוואוינט צום יצר הרע. הלוואי זאלן מיר האבן אזא תאווה ווען מיר געוואוינען זיך צי צו די גמרא, צו דאווענען, מען זאל ווערן אזוי עדיקטעט צו די תורה... איך האב שוין געהערט א מענטש זאגט, ער איז עדיקטעט צו אלקאהאל, צו א ציגארעטל... האסט שוין געהערט א מענטש זאגט, ער איז עדיקטעט צו די גמרא? פארוואס נישט? מען דארף יא! אבער דער יצר הרע ארבעט גוט, דער יצר טוב האט נישט די אלע ווערטער... על כל פנים, זיי האבן זיך געבענקט צו די אלע גוטע זאכן, זיי האבן זיך נישט געקענט איינהאלטן.

האט זי געטראכט צו זיך: שוטה וואס איך בין, איך וועל אים אונטערשרייבן, איך געב אים די בחור, און ווען עס וועט קומען די טאג וועל איך רופן פאליציי, גיב מיר דאס קינד... א איד מאכט דאך אייביג ביזנעס... מען כאפט אריין, וואס איז זיכער איז זיכער, מען כאפט אריין... יענער האט פארלאנג אונטערצושרייבן מיט בלוט פון די האנט,

און בתמימות האט זי אונטערגעשריבן מיט בלוט.

עס איז געווען חמשה עשר בשבט. דער איד איז געווען א רוזינער חסיד, ער האט געטראכט, אז ער האט אזא הרחבה אינדערהיים, וועט ער מחיה זיין דעם רבי, מיט געשמאקע פירות. אין די אלטע היים איז קוים געווען עפעס חמשה עשר בשבט...

דער ריזונער קומט אריין צום טיש, ער זעט אזעלכע שיינע פירות. ער זעצט זיך אראפ און ער טראכט, און ער רופט זיך אן: 'אראפ, אראפ פון טיש!'. דער גבאי זאגט: "ניין, יענקל האט עס געברענגט צום רבי'ן פון דארף!". דער רוזינער זאגט ווייטער: "אראפ!". דער יענקל האט דאך נישט געפרעגט דעם רבי'ן קיין שאלה, מען האט פריער געשמועסט אז מען פרעגט נישט. ער איז אהיים געקומען, האט ער געפרעגט זיין ווייב: "פון וואו האסטו די פירות? דער רבי האט עס אראפגעשיקט פון טיש!". האט זי געזאגט: זי האט נישט קיין אנונג! זי האט אים נישט פארציילט.

האט ער געזאגט: "ניין ניין ניין, איך דארף צוריקגיין צום רבי'ן, פארצייל פון וואו דו האסט די פירות?!".

האט זי פארציילט די מעשה מיט דעם בריוו.

ער איז צוריקגעגאנגען צום הייליגן רוזינער, און דאס פארציילט פארן ריזונער. דער ריזונער האט זיך צוקרעכעצט. נאכדעם האט דער רוזינער געזאגט, אין טאג פון די בר מצוה זאל מען אריינברענגען דעם בחור צו אים אין שטוב.

און די טאג פונעם בר מצוה, האט דער ריזונער אים אריינגענומען צו אים אין צימער, און פארקלאפט די טיר און טויערן. אינמיטן הערט מען קלאפן, אבער אזלעכע זעצעס אז מען האט געמיינט אז די הויז פאלט צוזאם! דער רוזינער האט געזאגט: "עס איז מיינס, נישט דיינס, גייט זיך פון דאנעט!". אבער זיי האבן געזאגט: אונז האבן א צעטל מיט א חתימה!

עס איז א שווערע מלחמה, עס איז נישט אזוי גרינג בייצוקומען דעם יצר הרע.

דער רוזינער האט געמאכט א חכמה. דער רוזינער האט זיי געזאגט: ווייסט איר וואס? לאז מיר קודם אויסרייכערן די לילקע ציבער, און דערנאך וועט מען זען! איז געגאנגען דער רוזינער און אריינגעלייגט קלעב דארט וואו מען לייגט אריין די טאביק... זייווארטן, און פלוצלונג קלאפן זיי. האט ער זיי געזאגט: איר האט געזאגט איר וועט ווארטן ביז איך רייכער אויס די לילקע ציבער, איך מאך א שבועה, איך וועל דאס קיינמאל נישט רייכערן, יעצט ווארטס!

זיי האבן געגעבן א זעץ און אנטלאפן. דער רוזינער האט זיי געראטעוועט [די לילקע ציבעך איז נאך דא, עס געפינט זיך ביי א איד, נישט ביי קיין רוזינער יורש. איינער פון די יורשים האט געדארפט געלט און ער האט עס פארקויפט].

על כל פנים, וואס זעט מען פון די מעשה, אזוי ארבעט דער יצר הרע. דער יצר הרע געבט גוטע זאכן, און דער יצר הרע מאכט אז מען זאל אים ליב האבן, און מען זאל זיך צוגעוואוינען, און דערנאך קען מען זיך שוין נישט אפגעוואוינען. מען דארף האבן דעם ריזונער זאל מאכן שבועות, דאס וואס אונז זע מיר. אבער זאלסטו וויסן, ווען א איד שטארקט זיך, ווען א איד שרעקט זיך נישט פון די אלע שיינע זאכן פון דער יצר הרע, ער היט זיך די אויגן און מויל, מען לערנט תורה בקדושה ובטהרה - דאס הייסט תשובה טון, פשוט זיצן און לערנען, דאווענען. דו מיינסט אז תשובה איז אזא מורא'דיגע זאך? ווען דו קלאפסט סלח לנו דריי מאל א טאג, זאלסטו טראכטן וואס דו זאגסט, פשוט, דאס הייסט תשובה טון. ווען דו קלאפסט זיך אשמנו ביי תחנון, טראכט די טייטש און מיין עס אמת'דיג, און זיי מכיר אז דאס איז נישט גוט - דאס איז תשובה, די איבריגע איז טון, גלייבן אין די מדריגות וואס דער אייבערשטער געבט פאר א מענטש, גלייבן אין די כוחות וואס אונז האב מיר, און דינען דעם אייבערשטן באמת.

דער הייליגער באשעפער זאל העלפן, אז מען זאל זוכה זיין טאקע, מיר זאלן קענען גיין אויף די ריכטיגע וועגן, אויף די וועגן וואס אונזערע עלטערן און רבי'ס האבן אונז געלערנט. מען זאל זוכה זיין, ענק אלע זאלן זיין גדולי הדור, ענק קענען! וויאזוי זעט אויס א גדול הדור אלס בחור? אזוי האט ער אויסגעקוקט!... מיר זאלן אלע זוכה זיין צו תשובה שלימה, מיר זאלן זוכה זיין צו א גוט געבענטשט יאר, אריכות ימים ושנים טובים, יעדער זאל זיין געזונט און שטארק די גאנצע לעבן, זאל מען נישט וויסן פון קיין שוועריגקייטן, נישט ברוחניות און נישט בגשמיות, דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל זוכה זיין לביאת משיח צדקינו, במהרה דידן אמן.

# את לבבך זאת לבב:

## מסידת הנשמה פארן הייליגן באשעפעד [חלק א']

ליל שישי פ' שופטים תשפ"ג

**עס איז אלול מען דארף זיך אריינטיפן אין הארץ**

עס איז דא די באקאנטע תשובה פון דעם צאנזער רב זי"ע (יו"ד תשובה ל"ג), דער הייליגער צאנזער רב ענדיגט די תשובה ולפלפול שכתב כבוד תורתו אין מקום לדינא בזה כאשר כתבתי בשם הצ"ץ ז"ל ולפלפולא בעלמא אין הזמן גורם', די צייט איז נישט קיין גוטע צייט פאר פלפולים, 'כי צריך לבדוק חדרי משכיות לבב בימים האלו - אלול תרי"ז', עס איז אלול, עס איז אלול תרי"ז, ער זאגט אז עס איז נישט די צייט צו מאכן פלפולים, ער קען פסק'נען הלכה למעשה, וויבאלד ער דארף אריינקוקן אין זיין הארץ, אין די טיפעניש פון זיין הארץ, עס איז נישטא קיין צייט פאר פלפולים.

**אין איין שעה חודש אלול קען מען מער אויפטון ווי א וואך אין גאנצן יאר**

עס איז דא די באקאנטע ווארט פון צדיקים: אין איין שעה אין חודש אלול קען מען מער אויפטון ווי סתם א חודש אין יאר אין א וואך. 'שעה' איז א לשון פון 'קער'. אין חודש אלול איז מיט איין קער צום אייבערשטן קען מען מער אויפטון ווי דורכ'ן יאר אין א וואך און א חודש.

מען זעט אין די ספרים הקדושים, אז פונקט די חלק פון די יאר רעכנט מען כסדר אויס וויפיל טעג עס איז דא צו הושענה רבה און אזעלכע מיני זאכן, דאס איז טאקע פארוואס פונקט די צייט אין יאר רעכנט מען כסדר די טעג און שעה'ן, וויבאלד די שעות אין די טעג, זענען טייערערע שעות.

**די קומענדיגע יאר הבעל"ט ווענד זיך אין די טעג און שעות פון חודש אלול און תשרי**

עס איז דא א הפלא'דיגע 'בן איש חי' אין פרשת לך לך, אברהם אבינו זאגט פאר לוט 'הפרד נא מעלי', 'נא' איז גימטרי' 51, דאס איז מרמז פאר די 51 טעג פון ראש חודש אלול ביז הושענה רבה, זאגט ער אז דאס איז א סימן פאר די ימי תשובה, און איינער וואס איז נזהר אין די טעג איז בטוח אז ער גייט נישט ווערן נכשל פון די יצר הרע א גאנץ יאר. אבער טאמער ווערט ער יא נכשל, קען שטארק ארויסקומען אז מען זאל יא זינדיגן דורכאויס פון די יאר, וויבאלד די טעג איז אזויווי די לב און די מח פון די מענטש, טאמער גייט מען דורך די טעג גוט, איז מען גוט א גאנץ יאר.

דאס איז טאקע פשט, 'הפרד נא מעלי', שייד דיך אפ די 51 טעג פון נכשל ווערן אז דו זאלסט נישט זינדיגן, וויבאלד אין די טעג 'הימין' וועסטו זיך שטארקן, 'השמאל' וועסטו א גאנץ יאר

זיך מתגבר אויף די 'שמאל', אבער טאמער חלילה די 'שמאל' איז זיך מתגבר וואס גייט זיין מיט די רעכטס, דאס מיינט אז אין חודש אלול פון דעם יאר, ארבעט מען צו תשובה טון אויף די דאזיגע יאר, און מען גרייט זיך צו אויף קומענדיגע יאר, די כח וואס מען לייגט אריין, די שמירה און די התקרבות צו הקב"ה, אזוי גייט אויסקוקן די גאנצע יאר.

#### וואס איז קרית שמע א גרעסערע מצוה ווי אלע מצוות התורה?

דער 'שם משמואל' ברענגט אין פרשת שופטים א הפלא'דיגע רעיון אויף די ענין פון נסיונות און מסירת נפש. דער שם משמואל האט נישט געלעבט אין אמעריקע, ער האט נישט געוואוסט אז מסירת נפש מיינט אז מען האט אנגעטון א טלית קטן, מען לייגט תפילין איז עס מסירת נפש, דער שם משמואל רעדט פון אן אנדערע סארט מסירת נפש. עס שטייט די וואך אין די פרשה, אז דער 'משיח מלחמה' האט געזאגט: 'שמע ישראל אתם קרבים היום למלחמה על אויבכם', זאגט רש"י, אז אפילו זיי האבן נישט געהאט קיין שום זכות, נאר די זכות פון קריאת שמע וועלן זיי מנצח זיין די מלחמה. פרעגט דער שם משמואל, וואס איז קריאת שמע אנדערש פון אלע אנדערע מצוות?

#### מיט וואס איז די נסיון פון מילה א גרעסערע נסיון פון די פריערדיגע?

ער פרעגט נאך א קשיא. די עשרה נסיונות וואס אברהם אבינו איז דורכגעגאנגען, בפשטות איז ער ארויף מדריגות, און יעדע נסיון איז געווען א דרגה העכער, קודם די כבשן האש, דערנאך מלחמת מלאכים און דערנאך מילה. פרעגט ער: מילה איז א גרעסערע נסיון פון גיין אין מלחמה מיט פינף קעניגן? מילה איז א גרעסערע נסיון ווי זיך אריינוווארפן אין א קאלער אויוון? פארוואס איז מילה א גרעסערע נסיון ווי די כבשן האש, אז עס זאל זיין פון די לעצטע פון די נסיונות?

#### אברהם אבינו האט געגליסט צו זיין איינס מיטן באשעפער

דער הייליגער באשעפער זאגט ביי די מצוה פון מילה 'והתהלך לפני והיה תמים', וואס מיינט תמים? תמים תהיה עם ה' אלוקיך, רש"י זאגט אבער, אז עס מיינט 'תמים יהיה לחלקו'. ווען דער הייליגער באשעפער האט געזאגט פאר אברהם אבינו ער זאל זיין תמים, האט ער געמיינט צו זאגן אז 'תמים יהיה לחלקו'. זאגט דער שם משמואל: אברהם אבינו וואס האט זיך מוסר נפש געווען פארן אייבערשטן קעגן די גאנצע וועלט, וואס איז געווען זיין גלוסטעניש צו די העכסטע מדריגה וואס ער האט געקענט צוקומען? 'תמים יהיה לחלקו' זיין מיט'ן אייבערשטן איינס, ווען דער אייבערשטער האט אים געזאגט אז ווען ער גייט זיך מל'ן גייט ער זיין איינס מיט'ן אייבערשטן, וואלט אברהם אבינו געדארפט לויפן טון די מילה, אז ענדליך איז ער אנגעקומען צו די מדריגה וואס ער האט געוואלט. אבער ניין! ער גייט צו ענר אשכול און ממרא זיך דורכשמועסן, וואס האט אברהם אבינו דורכגעשמועסט? וואס איז די שאלה?

### אברהם אבינו האט נאך געוואלט האבן א קשר מיט וועלט

ברענגט דער שם משמואל פון זיין טאטע דער אבני נזר, אברהם אבינו האט טאקע געוואלט זיין די נאנסטע צום אייבערשטן, אבער ער האט אויך געוואלט האבן א קשר מיט די וועלט, צו קענען מאכן גרים, דורכ'ן זיך נישט מל'ן האט ער געהאט פסולת צו קענען מאכן א קשר מיט די וועלט און מאכן גרים, ער האט געוואוסט אז טאמער שניידט ער אפ די פסולת, גייט ער נישט קענען מאכן א קשר מיט די וועלט. ממרא האט אים אבער געזאגט, דו האסט זייער א גוטע חשבון, אבער ווער האט דיר געהייסן זיך מל'ן? דער אייבערשטער! און ווען דער אייבערשטער הייסט, פרעגט מען נישט קיין קשיות.

וואס איז פשט? אברהם אבינו האט עס אויך געדארפט וויסן? אלא מאי, אברהם אבינו האט געקענט באשטיין אוועקצוגעבן די 'עמו לחלקו' כדי צו קענען משפיע זיין אויף אידן, דאס איז געווען די גרויסע נסיון. אז נאך אזויפיל זיך אוועקגעבן אנצוקומען צו די 'עמו לחלקו' האט ער מסכים געווען עס אוועקצוגעבן צו משפיע זיין אויף די וועלט. דאס איז געווען די גרויסקייט פון די נסיון קעגן די פריערדיגע נסיונות. ווען מען ווארפט זיך אריין אין פייער פאר'ן אייבערשטן, אדער מען גייט אין מלחמה פאר'ן אייבערשטן, שטארבט מען גראד און מען גייט ארויף אויסגעלייטערט, אבער ביי מילה האט ער מסכים געווען צו בלייבן אויף די וועלט מיט א קליפה פסולת, אויף צו קענען משפיע זיין דעם אייבערשטן אויפ'ן וועלט.

### די ריכטיגע מסירת נפש - זיין גרייט צו פארלירן אויך די נשמה

עס איז דא א פסוק 'ואני קרבת אלוקים לי טוב'. יעדער וויל האבן 'קרבת אלוקים', אבער ער קען באשטיין, אז מען זאל אויך האבן 'זיך' מען האט אויך זיך אינזין. אברהם אבינו האט געוויזן מיט די מצוה פון מילה אז ער מיינט גארנישט זיך. אזוי זאגט מען אויך ביי קריאת שמע 'ואהבת את ה' אלוקיך... בכל נפשך' פארוואס נישט 'בכל גופך'? וויבאלד טאמער זאגט מען 'בכל גופך', ווייזט מען ווייטער אז מען מיינט זיך, ווען מען זאגט 'נפשך' ווייזט מען אז מען מיינט גארנישט זיך, מען קען באשטיין צו פארלירן די נשמה פאר'ן אייבערשטן, אפילו יענע וועלט, אלעס איז מען מסכים צו פארלירן פאר'ן אייבערשטן.

ער ברענגט, יהושע האט געשיקט די מרגלים זיי זאלן קוקן וויאזוי אריינצוגיין קיין ארץ ישראל, זענען זיי אנגעקומען צו 'בית רחב הזונה', רחב מאכט אומריין, אזוי ברענגט די גמרא. פארוואס זענען זיי געגאנגען צו אזא פלאץ? זאגט ער, אז זיי האבן אלעס געקענט באשטיין צו פארלירן, אבער זיי דארפן טון זייער שליחות פאר'ן אייבערשטן. אזוי אויך פנחס, וואס איז זיין מסירת נפש? וויבאלד נאך אלע מעשיות, נאכ'ן הרג'נען זמרי בן סלוא, וואספארא נאמען באקומט ער? - רוצח. דאס איז די ריכטיגע מסירות נפש.

[המשך יבוא אי"ה]

**לקבל הגליון ושאר גליונות מהמערכת יפנו:**

**gilyonospm@gmail.com**